תורת אביגדור

פאר קינדער

באארבעט פון די שיעורים
פון הרה"ג ר' אביגדור מיללער ז"ל

פרשת עקב

דאווענען און דאווענען און דאווענען

פרנס השבוע

לכבוד הילד החשוב יניק וחכים
כמר **אהרן יודא שלעזינגער** ני"ו
מיט ליבשאפט,
פון דיין טאטע

פרשת עקב

דאווענען און דאווענען און דאווענען

10:00 אין תפיסה צעל

הרב גראסבערג, דער רב פון תפיסה האט געהאלטן אינמיטן מאכן זיינע טעגליכע באזוכן איבער די תפיסה צעלן ווען ער האט געהערט עפעס א רעש. ער האט זיך דערנענטערט צום צעל פון וואו דער רעש איז ארויסגעקומען און ער האט באמערקט ווי צדוק הצדיק האלט א שער-מאשין אין האנט און האלב פון זין בארד איז שוין נעלם!

"א גוט יאר צו אייך, צדוק," האט אים הרב גראסבערג באגריסט. "פארוואס שערסטו אפ דיין בארד?"

ווי צדוק האט ארויפגעקוקט איז געפאלן א הויפן פריש-געשוירענע האר צו דער ערד. "ווייל איך דארף עס מער נישט האבן," האט ער אויסגערופן, "דער אויבערשטער דארף מיר מער נישט האבן און איך נישט מיין בארד," האט ער גערווינט מיט יאוש.



"וואס זאגסטו דא?" האט הרב גראסבערג אים אנגעשריגן, "פארוואס מיינסטו אז דער אויבערשטער האט דיך נישט ליב?"

"ווייל ער הערט נישט אויס מיינע בקשות. איך האב געדאווענט צו השי"ת אז ער זאל מיר רייך מאכן און איך האב אוועקגעגעבן אסאך צייט אויסצוטרעפן די אלע סגולות צו פארקויפן פאר מענטשן. נאכדעם בין איך דא ארעסטירט

געווארן און די פאליציי האבן צוגענומען אלע מיינע געלט," האט זיך צדוק אויסגערעדט אויף אלע זיינע צרות.

"און נישט נאר דאס," האט ער ווייטער פארפירט, "איך האב געבעטן השי"ת ער זאל מיר געבן א באקוועמע בעט דא אין תפיסה, געבראטענע סטעיק אנשטאט סוי שניצל וואס זיי טיילן דא און אז איך זאל שוין ארויסגיין פון תפיסה און ער האט נישט גענטפערט אויף מיינע תפילות."

"אוהא," האט רב גראסבערג געשאקלט מיטן קאפ, "דו האסט מתפלל געווען פאר די אלע זאכן?"

"אוי ניין, נישט נאר דאס" האט צדוק פארגעזעצט, "און איך האב אויך געדאוונט אז איך זאל וואקסן העכער און אז איך זאל האבן א 'דזשעקוזי' נעבן מיין בעט. און נאך עפעס, איך האב געלייגט א קוויטל אין די שפאלט פון וואנט און ער האט מיר גארנישט געגעבן וואס איך האב אים געבעטן. עס איז קלאר אז דער אויבערשטער הערט נישט מיינע תפילות און ער האט מיך נישט ליב."

"אבער איך פארשטיי נישט, "וואס האט א קוויטל צוטון מיט א שפאלט אין וואנט? דא איז נישט דער כותל המערבי?"

"אה, אבער ס'איז יא," איז צדוק מסביר, "קוק אהער, איך האב געמאכט א ספעציעלע תפילה וואס קערט איבער סיי וועלכע וואנט צום כותל המערבי, דו קענסט דאווענען וואו דו ביסט און ס'איז כאילו דו ביסט ביים מקום המקדש! איך פלעג פארקויפן די תפילות צוזאמען מיט מיינע סגולות."

הרב גראסבערג האט זיך פארקלערט צי ער זאל ענטפערן אויף דעם אבער ער האט זיך מישב געווען אז ער וועט זיך בלויז באציען צו צדוק'ס שאלה איבער דעם וואס ער מיינט אז השי"ת הערט נישט זיינע תפילות.

"צדוק, קודם מוזטו פארשטיין אז השי"ת געבט נישט סתם אלעס וואס מען בעט אים. אוודאי דארפן מיר און מיר זאלן טאקע מתפלל זיין פאר אלעס וואס מיר דארפן און מיט די תפילות אליין קען מען שוין זוכה זיין צו באקומען עפעס - אבער השי"ת געבט אונז נאר זאכן וואס ער האט מחליט געווען אז מיר זאלן האבן."

"אבער איך האב געדאוונט פאר גאנצע צען מינוט," האט צדוק פראטעסטירט, "דאס איז שוין עפעס ווערד צו באקומען!"

"צען מינוט???" זייער שיין אבער דו ווייסט אז אין די וואכעדיגע פרשה לערנען מיר אז משה רבינו האט נאכן חטא העגל געדאוונט פאר פערציג טעג אז השי"ת זאל נישט פארלענדן עם ישראל- פערציג טעג!!! קענסט זיך דאס פארשטעלן?"

"פערציג טעג?" האט צדוק איבערגעזאגט "פארוואס? ס'זעט אויס ווי דער אויבערשטער האט אים נישט געוואלט ענטפערן."

"אוי ווייז! וואס זאגסטו דא?" האט דער רב שנעל געזאגט "זעסט דאך אז דו און איך שטייען דא יעצט. כלל ישראל איז נישט פארלענדעט געווארן."

צדוק האט געטראכט דערפון פאר א מינוט "אה, קען זיין אז השי"ת איז נאר מיד געווארן האט ער אים נאכגעגעבן."

"אוי, דו רעדסט אזויפיל שטותים," האט הרב גראסבערג כמעט ווי אויסגעשריגן, "השי"ת ווערט קיינמאל נישט מיד פון צוהערן תפילות. דאס איז די גאנצע סיבה פארוואס ער האט נישט גלייך געענטפערט ווייל ער האט געוואלט אז משה רבינו זאל נאכמער מתפלל זיין.

און ס'איז נישט ווי דער אויבערשטער איז אנגעוויזן אין אונזערע תפילות נאר פונקט פארקערט מיר דארפן די תפילות פאר אונזער עקזיסטענץ. די תפילות ברענגען אונז נענטער צו השי"ת. דאס איז דער סיבה פארוואס ער האט אזוי ליב אונזערע תפילות. ווייל ווי מער מיר זענען מתפלל אלץ מער ווערן מיר נענטער צו אים, אלץ מער געדענקן מיר פון אים און מיר שטייגן מער אין עבודת השם.

און ווען משה רבינו האט געדאווענט פאר פערציג טעג האט ער דערגרייכט מער מדריגות אין קרבת השם. דאס איז פארוואס השי"ת האט געווארט פערציג טעג אים צו ענטפערן."

"אה, איך פארשטיי," האט שוין צדוק עפעס אנגעהויבן זיך צו ערוועקן, "און דאס מיינט אז אויב איך וועל דאווענען פאר פערציג טעג וועל איך האבן געבראטענע סטעיק און א 'דזשעקוזי' אין תפיסה?"

"ניין, ס'מוז בכלל נישט זיין אזוי," נישט דאס האב איך געמיינט צו זאגן. אויב דו וועסט מתפלל זיין מיט דיין גאנצן הארץ וועסטו ווערן אן ערליכער איד און נענטער צו השי"ת און דורכדעם וועסטו בעז"ה זוכה זיין צו זען ישועות."

צדוק האט געקוקט מיט חרטה אויף זיין האלבע בארד. ער וועט שוין וויסן ווי מען פירט זיך אויף. ער איז געווען זייער דאנקבאר צו הרב גראסבערג פארן אים עפענען די אויגן. ער וועט שוין היינט אנהייבן צו מתפלל זיין ווי ס'דארף צו זיין און ווערן צדוק הצדיק!

הערט די מעשה פארציילט דורך דער בארימטער מחנך
הרה"ג ר' משה בערגמאן שליט"א
קול אביגדור 718-289-0899, דרוקט 2 און דערנאך #3